# אין דער ליטעראַרישער וועלט

[נחום 1906]

פון בן יקיר.

„די יוגענד, צווייטער העפט" — דאָס איז דאָס נייעסטע פון דעם נייעם יאָהר. דאָס איז דאָס נייעסטע לויט דעם אינהאַלט, דאָס נייעסטע לויט דער טענדעניז, דאָס נייעסטע לויט...

אבער איך וועל בעסער אָנפאַנגען פון „מה טובו".

דאָס ביכעל פערנעהמט 32 שעהן־געדרוקטע זייטען. די ערשטע צוויי זייטען זיינען געווידמעט צו דער ערקלערונג פון דער רעדאַקציאָן, און דאָ וועל איך טאַקע בעטען דעם לעזער זיך אָבשטעלען מיט מיר אויף א ווײַלע.

אייגענטליך וואָלט איך בעדאַרפט איבערדרוקען די גאַנצע ערקלערונג: זי איז א מערקווירדיגער דאָקומענט; זי ערקלערט די אורזאַכע פון איין זאַך, וועלכע ציהט זיך דורך ווי א רויטער שנירעל כמעט אין דעם גאַנצען ביכעל, און וועלכע איך וועל שפּעטער אָנרופען ביים ריכטיגען נאָמען.

„די יוגענד", ערקלערט די רעדאַקציאָן, — איז איבערגעגאַנגען אין די הענד פון איהרע שרייבער, די „י ו נ ג ע" ש ר י י ב ע ר, וועלכע ווילען דורך איהר „שאַפען פאַר דער שעהנער אידישער ליטעראַטור פון אַמעריקאַ א זעלבסטשטענדיגע אייגענע היים", ווייל די היגע שעהנע ליטעראַטור „שטעהט איין אין שכנות ביי דער פּרעסע און אלס פרעמדע, אלס שטיעפקינד ווערט זי פון איהר בעהאַנדעלט."

פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? גאַנץ פשוט: „אונזער פרעסע עקזיסטירט אָדער פאַר פּראָפיט אָדער פאַר פערברייטונג פון סאָציאַלע (?) אָדער נאַציאָנאַליסטישע אידעען; קיין דירעקטען, אינערליכען און ע ה ר ל י כ ע ן אינטערעס פיר ליטעראַטור האָט אונזער פרעסע קיינמאָל ניט געהאַט.ביידע, אי די ביזנעספּרעסע אי די פּראָפּאַגאַנדיסטישע האָבען פיעל געזינדיגט נעגען דער שעהנער ליטעראַטור; די ערשטע גאָר אָהן געוויסענסביסע, די צווייטע— מיט ציניש ער קאָמפּראָמיסליכקייט לשם אידעאַל" (אונטערגעשטריכען פון מיר).

וואָס איז דאָס? „יונג" אָדער... אָדער סתם אונפעראַנטוואָרטליכקייט פון דער רעדאַקציאָן? דענקען דען ווירקליך די „יונגע", אז די גאַנצע וועלט האָט א קיום ב ל ו י ז, ווייל עס איז פאַראַן שעהנע ליטעראַטור? דענקען דען די „יונגע", אז עס זיינען ניט פאַראַן קיין אנדערע „הייליגע" זאַכען אויסער ערצעהלונגען? ווייסען זיי דען ניט אז דער מענשליכער פּראָגרעס האָט צו פערדאַנקען (כאָטש אביסעלע,-ניין?!) יענע זאַכען, וועלכע מען רופט „פּאָזיטיווע וויסענשאַפט"? נון, שטעלט זיך פאָר אז גאַלילעאוס, ניוטאָן, קאָפּערניקוס, דאַרווין, האקסלי, עדיסאָן און אנדערע ערפינדער, ענטדעקער און געלעהרטע וואָלטען ארויסגעגעבען זשורנאַלען פיר זייערע צוועקען, וואָלטען זיי אויך ג ע ז י נ ד י ג ט געגען דער שעהנער ליטעראַטור? אָדער דענקען די „יונגע", אז די געזעלשאַפטליכע לעהרען, דאָס וואָס מען רופט היסטאָריע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פּאָליטיק שפּיעלען טאַקע קיין ראָלע ניט אין לעבען? דענקען זיי, אז ווען די פּועלי ציון, צום ביישפּיעל, ווילען אגיטירען זייערע אידעען (וועלכע זיינען ביי זיי, נאָטאַ בענע, די הייליגסטע), טאָרען זיי ניט דערמאָנען א וואָרט אינ'ם „אידישען קעמפּפער" וועגען ציון, וועגען די פּאַלעסטינאַ קאָלאָניעס, וועגען זייערע ערפאָלגען און ענטטוישונגען, וועגן די קאָנגרעסען, וועגען די האָפנונגען און פּלענער אויף דער צוקונפט? דענקען זיי אז דער „אַרבייטער", וועלכער ווערט אויסגעהאַלטען אויף ווירקליך בלוטיגע סענטען פון איינצעלנע ארבייטער, דאַרף זיך ניט קימערען וועגען די סטרייקס, וועגען די בּאָיקאָטס. וואָס קומען פאָר יעדע וואָך, דאַרף ניט אָנצייגען די ארבייטער דעם „סאָציאַלען" אידעאַל, פאַר וועלכען ער ווערט ארויסגעגעבען? פאַר וואָס עפּעס זיינען פּרץ'ס. שריפטען אין דער „צוקונפט" „צ י נ י ש ע קאָמפּראָמיסליכקייט"? מיט וואָס איז דאָס גאָרדין'ס, קאָברין'ס, רייזין'ס ערצעהלונגען ערגער, ווען זיי זיינען געדרוקט אין „די צוקונפט" ווי ווען זיי וואָלטען געדרוקט געוואָרען אין „די יוגענד"? מיט וואָס איז דאָס דער „אידישער קעמפּפער" אזא הוטא בעגל, ווען ער האָט געדרוקט קאָברין'ס, שמואלזאָהן'ס, שאַפּיראָ'ס, י. בערקאָוויטש'ס, ביאַליק'ס, רויזענבלאַט'ס, יהואש'ס און אנדערע ווערקע צוזאַמען מיט געוויסע סאָציאַל־פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, וויסענשאַפטליכע אָדער פּובליציסטישע ארטיקלען? מיט וואָס? מען קען האָבען טענות אז עס איז דאָ ווייניג פּלאַץ, אבער וועגען פערברעכען?...

„די מייסטע וואָרטפיהרער אין אונזער

פרעסע זיינען מענשען, וועלכע ניט מיט עהרליכ-קייט צו דער זאַך, ניט מיט ליעבע צו איהר, זיינען זיי (דער „זיי" איז איבריג) די פּאַסענדע פּערזאָנען צו בעשטימען דעם ווערטה פון די ליטעראַרישע שעפּפונגען וועלכע פאַלען צו זיי אריין".

דאָס איז, מחילה, א ליגען! און אז דאָס איז ניט אמת זאָגט עדות טאַקע דאָס זעלבע ביכעל „די יוגענד". זיי קלאָגען זיך אויף די פּאַרטיי-פּרעסע. נון, נעהמט, צום ביישפּיעל, וויעדער אמאָל דעם „אידישען קעמפּפער", ווער האָט דאָרט געהערשט אין דער קריטישער אַב-טהיילונג? — ניט קיין אַנדערער ווי י. ענטין. נעהמט די צווייטע פּאַרטיי-צייטונג „דער צייט-גייסט", ווער איז דאָרט געשטאַנען אויף דער וואַך? — י. ענטין! נעהמט די קריטישע אַר-טיקלען אין דער „צוקונפט": פון וועמען זיינען פיעלע פון זיי געשריעבען געוואָרען? — פון י. ענטין! וואַרום-זשע, מיין ליעבע, „יונגע" אונפּעראַנטוואָרטליכע רעדאַקציאָן, איז י. ענטין ניט עהרליך און ניט פּאַסענד, ווען ער שרייבט אין די אויבענדערמאָנטע זשורנאַלען און צייטונ-גען, און מיט וואָס איז ער דאָס אזא יקר המציאות, אזא כשר'ע אזא הייליגע נשמה, ווען ער האָט אָנגעשריעבען א רעצענזיע פיר אייער ביכעל? עס וואָלט געווען ניט מעהר ווי יושר, אז ענטין, אַלס איינער פון דער „יוגענד" און, פאָלגליך, אַלס איינער פון דער רעדאַקציאָן, זאָל געבען אַן ענטפער אויף דיזע פראַגע, און טאַקע שוין אגב אורחא זאָל ער ערקלערען, וואַרום זיינען דאָס אַנדערע קריטיקער, ווי בעל-מחשבות, לעאָנטיעוו, פינסקי א. ד. ג., ניט עהרליך און ניט פּאַסענד? אדרבא, זאָלען מיר אויך וויסען!

די היגע זשורנאַלען „זיינען אזוי קאָמפּראָ-מיסליך, אזוי פּאַרטייאיש און אזוי אַלט-מאָדיש"... כאָטש בויערט מיר אָן אויער, איך הייב ניט אָן צו פערשטעהן, ווי אזוי די היגע זשורנאַלען קענען האָבען אַלע דריי איינגענשאַפ-טען, וועלכע שליסען אוים איינע די צווייטע: פיליכט איז דאָס „ניי-מאָדיש"? אדרבא, איך וואָלט גערן געוואָלט וויסען, ווי אזוי מען קען זיין קאָמפּראָמיסליך און אין דערזעלבער צייט פּאַרטייאיש און אַלטמאָדיש?

אבער מיר וועלען אויסהערען די „יונגע" אליין:

„די יונגע אידישע שרייבער האָט שרעקליך דערעסען די רויהע, צינישע בעהאַנדלונג וועלכע זיי זיינען אויסגעשטאַנען פון זייערע רעדאַק-טערע און זיי האָבען בעשלאָסען צו ווערען זייערע אייגענע רעדאַקטערע".

אָט דאָ ליעגט דער הונד בעגראַבען! ווי האָט געזאָגט דער פוקס: „די וויינטרויבען זיינען צו זויער"... די „צינישע בעהאַנדלונג" פון די רעדאַקטערע, וועלכע האָבען צו אָפט געזאָגט... מאַלע ווי וועמען... האָט זיי געטריבען צו ווערען זייערע אייגענע רעדאַקטערע... דאָס הייסט שוין, אז מען וויל מאַכען א היים ניט פיר קאָברין, פינסקי, גאָרדין, ליבין, ליעסין, ראָזענפעלד, יהואש, נאָר פיר די, וועמען דער ביטערער שיקזאַל האָט אריינגעוואָרפען אין די גזלנ'ישע הענד פון די היגע רעדאַקטערע...

דאָס ערקלערט אונז שוין אויך דעם אינ-האַלט פון דעם נייעם ביכעל. מיין גאָט! וואָס פאַר א טעמפּער, קראַפּטלאָזער וואָהנזין וועהט פון דעם! מיט דער אויסנאַהמע פון דעם וואונדערשעהנעם געדיכט „ח ב ר י ם" פון ה. רויזענבלאַט, וועלכער האָט עפּעס ווי פער-שורה אָנגעשריעבען: איך בין ניי-מאָדיש! זאָגאַר מ' שמואלזאָהן האָט געדענקט אז ער שרייבט פאַר א ניי-מאָדנעם זשורנאַל און האָט פערגעסען זיין געזונדען הומאָר, זיין חוש פון אמת, זיין חוש פון פּראָפּאָרציאָן. א מאָדנע קאַריקאַטור האָט ער אונז געגעבען, א קאַריקאַ-טור פון א לעבעדיגער פּערזאָן, פון לעבעדיגע פּערזאָנען, וועלכע יעדער ווייס און קיינער ווייס ניט. „חרטה" איז איינע פון די ווייניגע מפּיל'ס, וועלכע זיין פעדער האָט געבאָרען.

דאַן געהן צוויי געדיכטע: ראַלניק'ס „פאָלקס-מאָטיוו" און שניידער'ס „ווינטער". דער „מאָטיוו" איז ניט קיין פאָלקס-מאָטיוו, נור א זנות-מאָטיוו; דער „ווינטער" איז קאַלט, אייז-קאַלט ניט דערפאַר, ווייל עס פעהלען הייסע טראַסקענדע פראָזען אָדער „שטאַרקע ווערטער", נאָר דערפאַר, ווייל דער פּאָעט איז געוועזן זיין „אייגענער רעדאַקטאָר". א פרעמדער רעדאַק-טאָר וואָלט איהם, צום ביישפּיעל, געזאָגט אז א שטורם קען ניט זיין אי „בייז" אי „טרויעריג", אז דיזע צוויי אַדיעקטיווען קענען ניט שטעהן צוזאַמען, און דערפאַר זיינען זיינע ערשטע צוויי שורות בלויז ווערטער, וועלכע שטויסען אָב דעם וואָס פערשטעהט פּאָעזיע. ווייטער איז דאָס גאַנצע געדיכט אין איינקלאַנג מיט די איבריגע ערצעהלונגען, „ווי די שאָטענס פון דער נאַכט — פינסטער, לעער און אייז-קאַלט.

מ. י. חיימאָוויץ קען שרייבען; ער האָט אויך א חוש פיר דער נאַטור; זיין שפּראַך איז פאַרביג און זאַנפט, אבער ער שרייבט וועגען „שנעע-וואָלקען", און זיין ערצעהלונג איז אויך א שנעע'דיגע, זי צוגעהט באַלד ווי שנעע, אָהן אַן איינדרוק, נאָר איבערלאָזענדיג א קליינע בלאָטע נאָך זיך: די גאַנצע ערצעהלונג איז א פאַלשע און זי מאַכט דעם איינדרוק אז זי איז געשריעבען געוואָרען בלויז צוליעב די ניי-מאָדנע ווערטער, ווי „שנעע, וואָלקען, פערניכטונג." א. ד. ג.

אָהן א פערגלייך בעסער איז מאַני לייב'ס „וואָלקען"; די אידעע איז בולט און דער אינ-האַלט, „שוואַרץ" ווי ער איז, איז אויסגעדריקט אין א קלאָרען בילד.

נון דאָן קומט מיין פריינד יואל סלאָנים:

עס שאַרשקעט און זשאָרזשעט
דעם וואַלד'ס גרויע האַרץ.

איך האָב אַ מאָל געהערט מענשען רעדען וועגען אַ האַרץ קלאַפּעניש, אַ האַרץ טיאַכקעניש, אַ האַרץ ציטערניש, אָבער אַז אַ האַרץ זאָל שאַרשקען און זשאָרזשען — דאָס איז טאַקי אַן ענטדעקונג פון דער הייליגער מוזע, וועלכע טרייבט אונזער אָרימען יואל'ן צו מלחמה האַלטען מיט'ן שטורעם. איך שפּאָס ניט:

איך גֶעה!
דיין קריעגס־רוף, אַ שטורעם,
ער איז מיר ווילקאָמען...
איך געה! איך קום!
רייס זיך און ברום,
בורע, אַ בורע,
שטאַרקער! שטאַרקער! שטאַרקער!

ווען איך וואָלט ניט אַזוי נאָהענט געקענט דעם מחבר פון דיזען פּיוט, וואָלט איך געטראַכט איינס פון דיביידע: אָדער ער איז אַ „נייַמאָדישער" דאָן קיכאָט אָדער ער איז אַ פּשוט'ער מגזם, וועלכער מיינט ניט וואָס ער זאָגט און שרייבט ניט וואָס ער פיהלט.

דאָס איבריגע אין ביכעל איז ניט ווערטה דערמאָנט צו ווערען.

דאָס גאַנצע ביכעל (מיט דער אויסנאַהמע, ווידערהאָל איך, פון דעם פּראַכטפאָלען געדיכט פון רויזענבלאַט און דעם ציעמליך גוטען געדיכט פון מאַני לייב) איז אַ מערקווירדיגער עקספּאָנאַט פון אַ שרייבער־מאַניע און דערצו נאָך אַ דעקאַדענטישע מאַניע, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער „יוגענד" אין אַ זעהר קרענקליכער פאָרם און וועלכע קען ווערען געפעהרליך, אויב די קריטיק וועט לאָזען „די קינדער זיך שפּיעלען". דאָס ביכעל איז ניט די יוגענד, דאָס ביכעל איז — נעבעל, וואָלקען, שנעע און רויך.

---

## „לואיזע מישעל'ס לעבענס־בעשרייבונג, געשריעבען פון איהר אליין".

פערלאַג „ארבייטער פריינד", לאָנדאָן.

---

די פיער טהיילען פון „מוטער לואיזע'ס" אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע זיינען ניט לאַנג ערשיענען אין אידיש, זיינען איבערזעצט פון'ם פראַנצויזישען אָריגינאַל פון א. פרומקין, וועמעס נאָמען איז גענוג צו קאַווירען פיר די אויסגעצייכענטע און ריכטיגע איבערזעצונג.

די אויטאָביאָגראַפיע איז אַ מאָדערנע עפּאָפּעע (העלדען־ליעד), וועלכע איבערשטייגט די אַלטע בעריהמטע עפּאָפּעען דערמיט וואָס זי איז ניט קיין פאַנטאַזיע, קיין פּאָעטישע אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַ גאַלעריע פון בילדער, פון לעבעדיגע אָדער שוין געשטאָרבענע פּערזאָנען. אַ מערקווירדיגע גאַלעריע איז דאָס! בילדער פון העלדען און הייליגע מאַרטירער זיינען אויסגעמישט מיט גרופּעס אויסווירפע פון דער מענשליכער נאַטור; סצענעס פון ריהרענדער זעלבסטאויפאָפּפערונג בייטען זיך אויף שווידערליכע סצענעס פון אבשייליכער בלוטדורשטיגקייט.

עס איז אונמעגליך איבערצוגעבען אין אַ רעצענזיע'ס בעשרענקטען פּלאַץ זאָגאַר דעם מינדעסטען טהייל פון דעם איינדרוק, וועלכען די אויטאָביאָגראַפיע מאַכט אויפ'ן לעזער, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, אַז עס איז נאָך מעהר אונמעגליך צו געבען אַ כאַראַקטעריסטיק פון די פּערזאָנען און פּאַסירונגען, וועלכע לואיזע בעשרייבט. ווי קען מען דאָס טהון? די ביכלעך ענטהאַלטען אין זיך די גאַנצע וועלט אָדער, בעסער געזאָגט, צוויי וועלטען: אונזער געבענשטע ציוויליזירטע וועלט און די וועלט פון די אונציוויליזירטע אָדער ווילדע אין נייַ־קאַלעדאָניען, וואו די פערשיקטע לואיזע האָט אָבגעשמאַכטעט עטליכע יאָהר. אויסער דעם איז יעדע פּערזאָן און יעדע פּאַסירונג געמאָהלט מיט אַזאַ אונגעוועהנליכען טאַלענט, אַז עס וואָלט פּשוט געוועזען אַ חלול השם ווען איך וואָלט געוואַגט ארויסצוכאַפּען איינצעלנע שטריכען פון גאַנצע בילדער.

היינט דער בילד פון לואיזע'ן אַליין! עס איז אמת, אַז די שרייבערין האָט פערשטאַנען די אויפגאַבע פון איהר ווערק; זי האָט פערשטאַנען, אַז אַן אויטאָביאָגראַפיע מוז אָבשפּיעגלען אין זיך דאָס גאַנצע ארומיגע לעבען פון דעם שרייבער'ס צייט, און זי האָט, ווי שוין געזאָגט, ערפילט איהר אויפגאַבע אויף דעם גלענצענדסטען אופן.

רעדענדיג וועגען אַנדערע מוז זי אָבער אויך פון צייט צו צייט ווייזען איהר אייגענע נשמה. פיעלע פון אונז האָבען פריהער געוואוסט וועגען איהר ראָלע אין צייט פון דער פּאַריזער קאָמונע; פיעלע פון אונז האָבען געהאַט אַ בעגריף, אָבער בלויז אַ בעגריף, וועגען איהר העלדישען לעבען, און איהר העלדישקייט איז געוואָרען ביי אונז אַ נאַטירליכע זאַך: מיר וואָלטען זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען די „מוטער לואיזע" אַנדערש; מיר האָבען זי פערגעטערט אַלס מאַרטירערין, און אונז האָט זיך געדוכט אַז איהר מאַרטירערטהום איז אויך געוועזען נאַטירליך; מיר האָבען זי ליעב געהאַט ווי אַ גוטע, עדעלע מוטער און, פּונקט ווי קינדער, האָבען מיר בלויז געפיהלט, אבער ניט געזעהן דעם טיעפען שלאָגענדען קוואַל פון איהר ליעבענדעם האַרץ. אונז האָט זיך געדוכט אַז מיר האָבען פריהער געוואוסט ווי צו שעצען, ווי צו ליעבען, ווי צו פערגעטערען און פאַר וואָס צו פערגעטערען אונזער העלדישע מאַרטירערין. ניין, מיר מוזען לעזען איהר אויטאָביאָגראַפיע, און ערשט דאַן קענען מיר וויסען וואָס פאַר אַ ריעזיגע פּאָרקעמפּפערין די ליידענדע מענשהייט האָט פערמאָגט אין לואיזע מישעל.

פיעלע בעשרייבונגען פון איהר לעבען ריהרען דעם לעזער צו טרעהרען: טרעהרען פון פרייד אָדער מיטלייד, טרעהרען פון האָפנונג אָדער ענטטוישונג, טרעהרען פון בעגייסטערונג אָדער פערצווייפלונג, און צווישען דיזע אַלע בעשרייבונגען זיינען אַם מעהרסטען ריהרענד די יעניגע, וועלכע ציינען לואיזע'ס בעציהונגען צו מענשען, בעזאָנדערס צו איהר מוטער. עפּעס א מין געטליכע ליעבע איז אויסגעדריקט אין יעדען געדאַנק, אין יעדען וואָרט פון דער טאָכ־טער, ווען זי רעדט וועגען איהר אַלטער לייד ענ־דער מוטער, און מערקווירדיג איז דאָס וואָס זי דערצעהלט דאָס אַזוי זיך, אָנג אורהא, אַליין ניט פיהלענדיג די ריהרענדע צערטליכקייט, וועלכע איהר טאָן דריקט אויס.

איהר אונגעוועהנליכע ליעבע צו מענשען ציינט זיך אויך אַרויס אין צווייטען טהייל, ווען לואיזע ווערט מיט גרויס מסירת־נפש א לעה־רערין ביי די ווילדע מענשענפרעסער (קאַניבאַ־לען) אין ניי־קאַלעדאָניען, וועלכע, ווי עס ציינט זיך אַרויס, בעגרייפען שנעלער ווי די ציוויליזיר־טע, ווער עס איז זעהר פריינד און ווער — זייער פיינד. מיט א הערצליכע צערטליכקייט ציינט זי אונז אויף איהרע חברים, די קאָמונאַרען, זייערע האָפנונגען און פּלענער זיך צו רעטען פון דער וויסטעניש, וואוהין די פראַנצויזישע רע־גיערונג האָט זיי פערשיקט.

די פיער טהיילען ענטהאלטען אין זיך בריי־ליאַנטענע טיפען, יעדער טיפּ איז א בעזונדערע סקיצע און יעדער טיפּ איז פאַר אונז ניי. די שלעכטע, פּונקט ווי די גוטע מענשען, וועלכע די פערפאַסערין ברענגט אַרויס, צווינגען אונז זיך איינצוטראַכטען אין לעבען און זוכען דעם אמת.

איך וואָלט גערן געבראַכט איינינע כאַראַק־טעריסטישע אויסציגע פון דעם ווערק. ווען איך האָב דאָס אָבער פּרובירט צו טהון, האָב איך געפונען מיינע בליישטיפט צייכענס כמעט אויף יעדען בלעטעל פון אַלע פיער טהיילען, וועלכע ציינען אַז אַלע בלעטלעך זיינען אינטערעסאַנט, אַלע שפּאַנענד און כאַראַקטעריסטיש. עס בלייבט מיר דאָרום הערצליך צו ראטהען די לעזער צו פערשאַפען זיך אַליין דעם פערגניגען און דורכלעזען דאָס גרויסע ווערק פון לואיזע מישעל.

